**איוף תיכף ארויסצוגעבן:** 7/17/2023 **גאווערנער קעטי האקול**

## נאך געפערליכע פארפלייצונגען, פארלענגערט גאווערנער האקול די אפליקאציע דעדליין פאר מער ווי $500 מיליאן אין ריזיליענסי-פארבינדענע גרענטס

***דעדליין פארלענגערט צו אוגוסט 11 אזוויי קאמיוניטיס איבער די סטעיט ספראוועט זיך מיט נאכווייען פון שווערע וועטער עמערדזשענסיס***

גאווערנער קעיטי האקול האט היינט געמאלדן די פארלענגערונג פון די אפליקאציע דעדליין פאר געוויסע ריזיליענסי-פארבינדענע סטעיט גרענטס נאכפאלגענדיג די נאכווייען פון געפערליכע פארפלייצונגען אין קאמיוניטיס איבער ניו יארק סטעיט. די נייע אוגוסט 11 דעדליינס שטעלט צו פאר קאמיוניטיס געטראפן געווארן דורך שטורעם שאדן נאך צייט איינצוגעבן פאר הילפסמיטלען צו העלפן פארבעסערן וואסער קוואליטעט, פארשטערקערן פארפלליצונג ריזיליענסי, און פארמינערן קלימאט טויש.

"קאמיוניטיס וועלכע האנדלען מיט די פארניכטונג און נאכווייען פון די שווערע וועטער געשעענישן זאלן נישט פארלירן די געלעגנהייט איינצוגעבן פאר גרענט געלטער וועלכע קענען רוקן ווייטער קריטישע וואסער קוואליטעט און ריזיליענסי פראיעקטן," **האט גאווערנער האקול געזאגט.** "פארלענגערן די דעדליין וועט געבן פארפלייצונג-געשלאגענע קאמיוניטיס צייט צו ענדיגן זייערע אפליקאציעס פאר פראיעקטן וועלכע וועלן באשיצן פובליק געזונטהייט, צוגרייטן פאר צוקונפטיגע שווערע וועטער געשעענישן, און מאכן דזשאבס וואס מויטגן לאקאלע עקאנאמיעס."

די דעדליין פאר די פאלגענדע גרענט פראגראמען איז געווארן פארלענגערט פון יולי 28 ביז אוגוסט 11:

- וואסער אינפרעסטרוקטור פארבעסערונג (Water Infrastructure Improvement, WIIA) און אינטערמוניציפל גרענטס (Intermunicipal Grants, IMG): $425 מיליאן איז אוועילעבל צו באצאלן קריטישע אפפאל וואסער און טרינקען וואסער אינפרעסטרוקטור פראיעקטן. די סומע איז געמאכט געווארן אוועילעבל דורך א קאמבינאציע פון עקזיסטירנדע סטעיט הילפסמיטלען און די ווילער-באשטעטיגטע ריינע וואסער, ריינע לופט און גרינע דזשאבס ענווייראנמענטל באנד אקט.
- אין צוגאב, זענען געוויסע ריזיליענסי-פארבינדענע פראגראמען אוועילעבל דורך די גאווערנער'ס צוזאמגעשטעלטע פינאנצירונג אפליקאציע איוף פארלענגערט:
  - וואסער קוואליטעטפארבעסערונג פראיעקטן (Water Quality Improvement Projects, WQIP): $75 מיליאן איז אוועילעבל צו באצאלן פראיעקטן וואס פארבעסערן דירעקט וואסער קוואליטעט אדער וואסער האביטאט, הייבן איוף פארפלייצונג ריזיקע פארמינערונג, צוריקשטעלונג, און פארבעסערטע פארפלייצונג און קלימאט ריזיליענסי אדער באשיצן א טרינקען וואסער קוואל.

- גרינע אינאוואציע גרענט פראגראם (Green Innovation Grant Program, GIGP): $15 מיליאן איז אוועילעבל פאר פראיעקטן וואס נוצן גרינע שטורעם וואסער אינפראסטרוקטור דעזיין און גרינע טעכנאלאגיעס.
- ענדזשינערן פלאנען גרענטס (Engineering Planning Grants, EPG): $3 מיליאן איז אוועילעבל צו העלפן באצאלן ענדזשינערן באריכטן פאר אפפאל וואסער פראיעקטן.
- נישט-אגריקאלטוראל מקור פלאנען און MS4 מעפינג גרענט: $3 מיליאן איז אוועילעבן צוריקצוצאלן די קאסטן פון פלאנען באריכטן פאר נאנ-פוינט מקור וואסער קוואליטעט פארבעסערונג פראיעקטן און מעפינג פון מוניציפאל באזונדערע שטורעם אפפאל סיסטעמען (Municipal Separate Storm Sewer Systems, MS4s).

**ניו יארק סטעיט ענווייראנמענטאל פאסיליטיס קארפאראציע פרעזידענט און CEO מאורין א. קוילמאן האט געזאגט,** "די הייניטיגע מעלדונג שטרייכט אונטער גאווערנער האקול'ס פארפליכטונג צו פארזיכערן אז די באדייטענדע געלטער וואס איז אוועילעבל פאר וואסער אינפראסטרוקטור ווערט געשאנקען יושר'דיג. מיט דעם פארלענגערונג, האבן קאמיוניטיס וואס ספראוווענען זיך מיט די שעדליכע רעזולטאטן פון קלימאט טויש מיט לעצטיגע שווערע וועטער מער צייט איינצוגעבן פאר די זעלבע געלטער געמיינט צו העלפן מאדערניזירן ניו יארק סטעיט'ס אינפראססטרוקטור און פארשטערקערן זייער מעגליכקייט קעגנצושטיין צוקונפטיגע שווערע וועטערס."

**ניו יארק סטעיט אפטיילונג פון ענווייראמענט קאנזערוועישאן קאמישאנער און ענווייראנמענטאל פאסיליטיס קארפאראציע באורד טשעיר בעזיל סעגאס האט געזאגט,** "גאווערנער האקול אנערקענט די וויכטיגקייט פון צושטעלן הילפסמיטלען צו די קאמיוניטיס מערסטנס אין געברויך פאר הילף צו פאררעכטן און ערזעצן קריטישע וואסער אינפראסטרוקטור און שטיצן וואסער קוואליטעט פארבעסערונג פראיעקטן צו מאכן ניו יארק סטיט מער ריזיליענט צו אונזער טוישנדע קלימאט. מיט אזוי פיל קאמיוניטיס מיטמאכנדיג גרעסערע און היסטארישע פארפלייצונגען דעם מאנאט, האבן יעצט מעגליכע אפליקאנטן מער צייט אריינצוגעבן פארשלאגן און זיך מאכן אפן צו די געלעגנהייטן צוגעשטעלט דורך דיענווייראנמענטל באנד אקט און אנדערע היסטארישע סטעיט אינוועסטמענטס אין וואסער קוואליטעט."

**ניו יארק סטעיט העלט קאמישאנער דר. דזשעימס מק'דאנאלד האט געזאגט,** "עס איז אזוי וויכטיג אז אונזער קאמיוניטיס באטראפן דורך שווערע פארפלייצונג האבן נאך מער א געלעגנהייט אריינצוגעבן אפליקאציעס וואס וועלן העלפן פארבעסערן זייער וואסער קוואליטעט, אינפראסטרוקטור, און מערסטנס באדייטענד זייער געזונט. איך דאנק גאווערנאר האקול פארן פארלענגערן די דעדליין וויל עס וועט פארשטערקערן די קאמיוניטיס און זיי בעסער אויסשטאטן פאר צוקונפטיגע עקסטרעמע וועטער געשעענישן."

די אנליין אפליקאציע און בארעכטיגונג אינפארמאציע פאר די WIIA און IMG פראגראמען זענען אוועילעבל ביי https://efc.ny.gov/wiia. WIIA און IMG אפליקאציעס מוזן ווערן אריינגעגעבן נישט שפעטער ווי 5 נאכמיטאג פרייטאג, אויגוסט 11.

די CFA איז אוועילעבל ביי https://apps.cio.ny.gov/apps/cfa/. אפליקאציעס פאר WQIP, GIGP, EPG און נישט-אגריקאלטוראל נאנ-פוינט קוואל און MS4 פלאנען גרענטס מוזן ווערן אריינגעגעבן נישט שפעטער ווי 4 נאכמיטאג פרייטאג, אויגוסט 11.

ניו יארק סטיעט'ס לאנד-פירענדע אינוועסטירונג אין ריינע וואסער אינפראסטרוקטור קומט אויס צו $5 ביליאן זייט 2017. אונטער די פירערשאפט פון גאווערנטאר האקול, טוט די 2023-24 איינגעפירטע

בודזשעט שליסט איין די $500 מיליאן אין ריינע וואסער געלטער. די גאווערנאר האט ערפינדן די קאמיוניטי שטיצע טיעמס היי יאר צו פארברייטן EFC'ס טעכנישע שטיצע פראגראמען און העלפן קליינע, רורעל און שוואכערע קאמיוניטיס צוקומען צו די געלטער צו אדרעסירן זייער ריינע וואסער אינפראסטרוקטור געברויכן. סיי וועלכע קאמיוניטי וואס דארף הילף מיט זייער וואסער אינפראסטרוקטור באדערפעניש איז געמוטיגט זיך צו פארבינדן מיט EFC ביי [efc.ny.gov/CAT](efc.ny.gov/CAT).

די וויילער-באשטעטיגטע $4.2 ביליאן ריינע וואסער, ריינע לופט און גרינע דזשאבס ענווייראנמענטל באנד עקט, צייכנט ספעציפיש EFC'ס גרענט פראגראמען אלס געצייג צו באקומען געלטער פאר וואסער קוואליטעט פארבעסערונג און ריזיליענסי אינפראסטרוקטור. דער באנד אקט אוואנסירט היסטארישע שטאפלען פון געלטער צו דערהיינטיגן אלטע וואסער אינפראסטרוקטור און באשיצן וואסער קוואליטעט, פארשטערקערן קאמיוניטי'ס מעגליכקייט צו ביישטיין ערנסטע שטורעמעס און פלייצונג, פארמינערן לופט פארפעסטיגונג און נידערן קלימאט-ענדערנדע ארויסגעבונגען, צוריקברענגען האביטאטס, און אויפהאלטן דרויסנדע ערטער און לאקאלע פארמס. שוואכערע קאמיוניטיס וועלן באקומען כאטש 35 פראצענט פון די בענעפיטן פון די באנד אקט געלטער, מיט א ציל פון 40 פראצענט.

ניו יארק סטעיט וועט האלטן אן אויפן-ארט און ווירטועל צוהערן סעסיע פאר קאמיוניטיס צו געוואר ווערן מער וועגן די באנד עקט געלטער געלעגנהייטן און צו ארייַנזאגן וועגן די דרעפט בארעכטיגטקייט אנווייזונגען וואס ווערן אנטוויקעלט צו אידענטיפיצירן מעגליכע פראיעקטן. גייט צו די באנד אקט וועבזייטל ביי [www.ny.gov/BondAct](www.ny.gov/BondAct) צו געוואר ווערן מער און זיך צו רעגיסטרירן פאר די יולי 20 קאפיטאל ראיאן, יולי 26 ווירטואל, און אנדערע צוקונפטיגע סעסיעס דעם זומער.

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי [www.governor.ny.gov](www.governor.ny.gov)
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | [press.office@exec.ny.gov](mailto:press.office@exec.ny.gov) | 518.474.8418